THE WONDERS OF NATURE IN A SWEDISH FOREST

# דיא דרייא לאנגע ווינטערנעכט

דאס זיינען דריי ערציילונגען וואס זיינען דר ציילט
געוואָרען אין דריי ווינטערנעכט אין אגעזעלשאפט
וואס האבען זיך פעראירט אין אגרויסען וואלד און
האבען זיך געמוזט פערזאמען דריי טעג און דריי
נעכט אין דאס הויז איינעם אובערלעסניק . וועגן
איין גרויסען שניי שטורעם וואס וואר אין יענער צייט :

בדפוס של ר' אפרים בוימריטטער נ"י

בשנת תרל"ז לפ"ק

Ди дрей ланге Винтернехте
т. е.
Три долгія Зимнія ночи
Второе изданые съ Варшавскаго изданія 1863. г.
ВАРШАВА
Въ Типографіи Ф. Баумриттера Дзикая № 3.
1876.

שטאלען

נאָכוואָרט : ענגלישער | ורגסמאַן יאָזעף בראָטיינער

1831

# די דריי גרויסע ווינטער נעכט

אין דעם יאר טויזנד אכט הונדערט אונדדרייסיג זאגט יאזעף ברוטיינער אין זיינע רייזע בעשרייבונג, בין איך געוועזן אין דעם לאנד שווידען. איך וואר דארט אום ווינטער אין דעם חודש יאנואר עס וואר דארט די קעלט זייער גרוס אונ זייער שטארק. איך בין געפארין מיט נאך איינעם אין אפאצטוואגען. ער וואר אויך איין איינגלענדישער יודע אום לעווערפאל מען האט איהם גערופען זימאן העקלא אונד איך בין געפארין קיין גאטענבורג אום צוא פארען פון דארט קיין חינא וייל פון דיזער שטאט ווערט געהאנדעלט גלייך נאך דיזער ווייטע לאנד. האבן מיר זיך פער אירט וייל מיר האבן פערלארן די וועג. מיר האבן געבלאזעט אגאנצע נאכט. אונ מיר זיינן אויסגעשטאנען גרויסע סכנות דען מיר זיינן שיר פערפרארן געווארן. אויך זיינן מיר שיעור דערטרונקען געווארן אין דיא גרויסע שנייען. אויך האבן מיר בעגעגענט זייער פיל וועלף. עס וואר אבער גאט מיט אונז אונ מיט טעגלייך זיינן מיר געקומען צו איין וואוינונג פון איינעם אין א גרויסן וואלד. מען האט אונז דארט זייער פריינדלך אויפגענומען מען האט אונז אב געגעבן איין בעזונדער צימער אונ מען האט אונז אריין געבראכט א קאכענדער סאמעוואר. מיר האבן זיך דערווארעמט אונ אנגעצאגן אנדערע קליידער אונ מיר זיינען אריינגעגאנגען בעזוכען אונ דאנקען אונזערע ווירטס לייטע. דען מיר האבן שוין געניג פערשטאנען דאס דיזעס הויז איז קיינע קרעטשמע. דען עס וואר דארט שיינע צימערן אונ זייער פרעכטיג אום געמעבלירט אונ אלץ וואר דארט אין גרויסע ארדענונג. אויך האבן מיר געזעהן דאס זייער פיל שיינע הייזער שטייען נאך אויף דעם געהעפט אונ אלע ווארען פעסט צוא געשלאסן. אויך ווארען דארט זייער פיל שטאלען

Дозволено Цензурою 15 Сентябрь 1875 года. Вильно.

שטאלען אונ נאך זייער שיינע זומערגעבייען. מיר האבן דערהויסט
דעם ווירט אן גוטאן אין אין אפיצערסקען מאנטיל דען ער וואר איין
אסטשאוונער פולקאווניק ער וואר אלט איאר פופציג ער האט
אונז אריין גענומען אין זיין גאבינעט אונ האט אונז מכבד גוועזן אונ
האט אונז אויסגעפרעגט וויא היין מיר רייזען אונ ווס איזט אונזער
געשעפט. מיר האבן אים דער ציילט אלץ ריכטיג אונ אזו האט
ער אונז אויך דער ציילט דס ער איזט איין אובערפארשטמייסטר
דס הייסט איין אובערלעסניק. אונ עס שטיהען אונטר אים
אלע וועלדר אונ לעסניקעס פון דיזעה גובערניע. אונ דיזער
וואוינונג איזט איין יאכד הויז פון דעם קיניג דאס הייסט איין
קוואטיר פר דעם קעניג וואס ער קומט אהער יאכטען צוויי מאל
אין יאר איין מאל אום זומה אונ איין מאל אין ווינטער ער האט אונז
דערציילט דס אין דיזע וועלדר געפינען זיך זייער פיל הירשען
מארנעס בערען אונ אויך זייער פיל וועלף וועווערקס האזען אונ
זייער פיל פייגעלעך אונ עס קומן אהין מיט דעם קיניג זייער פיל
הערשאפטן אונ כאן זיינען באוואוינט אלע צימערן:

אונ ריידענדיק מיט אים איזט אביין געקומן זיין פרוא אונ
האט אונז איינגעלאדן צום טיש מיר האבן איר זייער געדאנקט
אונ האבן איר גזאגט דס מיר זיינן יודען אונ לוט אונזר רעליגיאן
טארען מיר ניט מיט. שפייזן. נון האט זוא זיך פון איינאנדערע
געלאכט אונ האט אונז גזאגט דס זייא זענן אליין אויך יודען. זייא
זענן אליין אוס פראנקרייך אונ וויל איר מאן האט געהאט דאס
גליק צוא דינן אין דיא פראנצויזישען גווארדע צוזאמען מיט
דעם פרינצען בערנאדאטע ווס ער איזט געווארען נאך דעם קיניג
אין שוועדן האט ער אים מיט גנומן מיט זיך אין דיזעס לאנד. אונ
אנפאנג

chief forester



אנפאנג האט ער געדינט ביא אים אין הוף. אונ אצונד איז ער
געווארן איין פארשטמייסטער אונ איין אופזעהר איבער דיזעס
קעניגליכן יאכט הויז אונ ביי אלעם דיזען זיינען וויא עכטע יודען
אונ זייער טיש איז גאנץ כשר נון ווארען מיר פון דיזער ענטדעקונג
זייער פרייליך מיר האבן דר וויסט ביא זיא אידעשע ספרים
מזוזות אלעם וויא געהעריג איז צו זיין ביא איינעם יודען אונ מיר
האבן מיט זיי מיט געשפייזט אונ ווארען מיט זייא אין דער קליינע
צייט העכסט פערבונדן אין פריינדלעך עס ווארן ביא דעם טיש
זייער פיל געסטע איינינע זיינען געקומן וועגן דעם וואלדגעשעפט
דען זיי ווארען האלץ הענדלר אנדערע ווארען אויך פעראיינטע וויא
מיר אויך וואר איר אייגענע פאמיליע ניט קליין אונ וויל דער
שטורם וואר זייער גרוס אונ האט גדויערט אייניגע טעג דס עס
איז נאר אונמעגליך גוועזן צו פארין האבין מיר זיך דארט גזוימט
פערזאמן גאנצע דרייא טעג אונ אונזערע ווירטשאפט האט אונז
זייער פריינדליך אונ זייער איידיל בעהאנדעלט אלע אווענד
פלעגן מיר זיך צו זאמן קלייבן אין דעם גרוסן טייא זאל וועלכר
וואר זייער ווארם אונ זייער גוט בעלויכטען אונ פלעגין אונז
זייער פריינדליך אונטערצוהאלטן ביי איינעם קאכענדען סאמאוואר
אונ ביי אגלעזיל פאנץ געטריקענטע לאקס אונ געריכערטע
פלייש אונ געניזגם. יעדער פון אונז האט ערציילט וואונדערשיינע
געשיכטען אונ מיר האבן אזו צו געבראכט אלע דרייא נעכט מיט
גרוס פערגניגען אלע מאל ביז צוויי דעם זייגר אונ וויל דיזע
אלע געשיכטען ווארן זייער מוראליש דאס הייסט עס געפינט זיך
אין זיי זייער פיל מוסר אונ יראת שמים אונ אויך זייער פיל דרך ארץ
דאהער האב איך זיך גענומען דיא מיה עס איינצושרייבן אין
מיינער

דער וואנדערער ט"ן 6 - 8



מיינה רייזעבעשרייבונג. דה ווירט וואר דער ערשטער וואס הט
אן גהויבן צו דרציילן און דאהער וועל איך אויך זיינע געשיכטען
פריהר דרציילן און דר נאך וועל איך דרציילין די געשיכטען וואס
די אנדרע האבן דרציילט און אלץ אין דעם זעלבן ארדענונג וויא
איך האב עס געהערט::

עס איז שוין זיבן יאר דאס איך וואוין אין דיזעם וואלד, האט
אן גהייבן צו דרציילן דיזער אבערסטער וואס ער וואר אונזער
ווירט און אויף דרויסן הט דר שטורם דאן זיי ערד געריסן און
די בוימר גקערט און האב שוין דא דר לעבט צו זעהן
וונדרליכע געשיכטען.

פאר דריי יארען געדיינקע איך וואר אזוי א שטורם ווי
יעצט איזט עס זיינען אומגעקומען זייער פיל מענשען און עס
זיינען פארוויט געווארן זייער פיל תיזער און א גאנצען חודש
נאך דעם האט מען ניט געקאנט דרקענען א וועג אדער א שטעג
עס האבין זיך דאמאלס ביי מיר אויך אויפגעהאלטען זייער פיל
רייזענדר פיל וואכין דען עס וואר גאר אונמעגליך געוועזן ארום
צו פארן, א געוויסער גראף וואס מען האט אים גרופען
פאלקענשטיין האט גהאט דאס אומגליק צו רייזען אין דיזעם
שטורם אין א פרמאכטע קארעטע און עס ווארן מיט אים צוויי
בעדינטע, א קוטשער און איין לאקאיי גוט ווי דר שניי האט זיך
פרמעהרט האבין זיך די פערד אבגשטעלט און דר שניי האט
זיי פערוויהט צו זאמען מיט דר קארעטע און ווי דר גראף
האט געזעהן דאס עס האלט מיט זיי גאנץ שלעכט הט ער זיינע
צוויי בעדינטע אריין גנומען צו זיך אין קארעטע און האט די
טירעק פעסט צו געשלאסן און די קארעטע איזט אזוי געבליבן
שטיין



שטיין איינגע טאגע אונטער דעם שניי זייער טיף דען עס וואר
איבער איך דריי איילן הויך זיי האבין זיך גענערט נור מיט
די שפייזן וואס דר גראף האט געהאט אן גגרייט ביי זיך אין
דר קארעטע, געבראטענס הינר, איינגע פלאשין וויין, דאס
פארטה, נון פערשטייט זיך פון זעלבסט דאס עס האט זיי
גפעלט וואסער צו טרינקן און איין ארט ווא זיי זאלין אויך
בעדערפניס גיין. זיי האבין זיך אבער אין די ביידע זאכען
אויך זייער ליכט אויסגעהאלפן זיי האבן אויסגעבראכן א שויב
אין איין זייט קארעטע און האבין בעקומען פול שניי צו שלינגען
אום צו לעשין דעם דורשט און דער ווייל איזט דר שניי וואס
וואר אויפדרויסן אנטקעגין פענסטר צו שמאלצן געווארין דורך
דעם גהויסן דוך וואס עס האט ארוס געצט פון קארעטע
נון דורך דיזע ביידע זאכין איזט געווארן א גרויסע ליידיגער
ארט לעבין פענסטר אויך וואר דר שניי וואס ארום די פערד
אויך זייער ווייט צו גאנגען דס זיי זיינן געבליבן שטיין ווי אין
איינם שנייען קעלר דאס די בעדינטע האבין זיך גקאנט זייער
לייכט דורך שלאגען דורך דעם פענסטר צו די פערד ווי האבין
אן גצינדן א ליכט און האבין גיגעבין די פערד האבער. און
אין עטליכע טעג ארום נאך דעם אז דר שטורם איזט שטיל
געווארין הט מען דרזעהן דאס עס שלאגט א רויך ארוס פון דעם
שניי האבין פוערן פערשטאנען אז עס מוז זיין וואס פערשיט
דארט אונטער דם שניי האבין זיי זיך צוזאמען געקליבען און
האבין דעם שניי אבגעגראבן און האבן געפונען די מענשין
מיט די פערד געזונד און פריש. אויך וואר ניט ווייט פון מיר
פערשאטן געווארן דאמאלס א שטוב פון איינער בוערשע אלמנה
גאנצע

דער געשטריכטע טעקסט 12-8



גאנצע פיר וואכן האט מען ניט געוויסט ווי די שטוב איז אהין געקומען און ערשט אין איין מאנאט ארום האט מען אן געהייבן צו זעהן ווי עס שלאגט ארויף ארום איבער דעם שנייא האט מען באלד דעם שנייא אבגעשארט בין דעם קוימן און מען איזט אריין דורך אים אין שטוב האט מען דערוויסט דארט די אלמנה מיט איהרע צוויי טעכטער זיצן זיך אין שטוב און שפינען אליכט האט געברענט אויף דעם טיש זיי האבן זיך דארט גענערט פון קארטאפיל וואס זיי האבן געבאקן אין גליהענדע קוילן און מילך דען זיי האבן געהאט א קו ביי זיך אין פרהויז און געגינג היי פאר איר. נון האט מען אויפגעבראכן דעם דאך און מען האט ארויס גנומן פרויה די מוטער זיא איזט אבער אויף דער שטעלע בלינד געווארן וויל איהרע אויגן האבן שוין ניט געקאנט פערטראגן דעם פלוצלינגן שיין פון דער זון וואס זיא איזט שוין געוועזן אבגעוואוינט פון פיל וואכן און דאהער אז מען האט גדארפט ארויס נעמען די טעכטער האט מען זיי פריהער פערבונדען די אויגן און מען האט זיי איינגעוואוינט צו דער שיין ביסלעך ווייס.

אין יענם יאהר האבן אויך די וועלף געטאן גרויס שאדן אין דיזען גאנצן געגענד. איין געוויסר פירשט שליסלבערג וואס האט אין יענם ווינטער חתונה געהאט איזט מיט זיינער כלה געפארן אין אפאר מאנהאטן נאך דער חתונה אין זיינע גיטער ער איזט מיט איר געזעסן אין אקאץ וואס ווארין און אים איינגעשפאנט זעקס גוטע פערד, פון הינטען איזט געשטאנען זיין לייבקנעכט אהיידעמאק אגאנץ הויכער און אגאנץ גזונטער

מענטש



מענטש און אויך דר צו אגרויסער העלד און אגאנץ ערליכער מאן פון פארענט איזט זיך געזעסן דער קוטשער און האט די פערד אן געטריבן מיט איינעם לאנגען בייטש און עס וואר אלס ווי ווארין פון דאנען נור איין מייל ווייט האבן זיך ארונטער געלאזין פון אגרויסין בערג אגאנצע שטארע וועלף און האבן אן געהייבן זיך נאך צו יאגן נאך דער קאץ נון וואר דער פירשט און זיין כלה העכסט ערשראקן ער האט אן געלאדענט זיין דאבעלטווקע דאס איזט איין ביקס וואס האט אין זיך צוויי רוהרעס און דאס זעלבע האט ער אויך געהייסן טאן זיינעם בעדינטען. דיזער וואר פיל גענייטער פאר אים און האט אים זייער פאמטרעגט דאס ער זאל זיך ניט וועגין אשאס צו טאן וויל ער ווייס דאס דאן וועלין די וועלף זייער בייז ווערין און וועלין צו רייסן די פערד און דיא מענשין דען עס ווארין מעהר אלס הונדערט וועלף עס איזט ביי אים אויסגעקומען פאר פיל גלייכר דאס מען זאל אויסשפאנן איין פערד פון דער קוטש און מען זאל אים איבער לאזין צו די וועלף נון קען גמאלט זיין דאס ביז וואנן די וועלף וועלין דם פערד צו רייסן און אויפעסין וועלין זיי זיך דערווייל קענן רעטירן. עס איזט דיזע עצה דעם פירשט העכסט געפאלין און מען האט איין פערד אויס געשפאנט און מען איזט מיט די איבריגע פינף אנטלאפין די וועלף זיינן איבער אים איבערגעפאלין און האבן אים צו ריסן אויף שטיקר און האבן אים אויפגפרעסין און האבן פון אים ניט געלאזין איין ביינדל דיזע גאנצע ארבייט האט אבער ניט געווערט קיין פירטל שטונד און די וועלף האבן זיך נאך

גיאגט

גיאנגט ווייטער נאך דעם קאטש אונ האבן איך אנגעיאגט און האבן איך ארום גנומן פון אלע זייטן דא האט דר ליבקנעכט גהייסן אויסשפאנן נאך א פערד עס איז אבער מיט דעם צווייטן ניט בעסער צוא גגאנגען וויא מיט דעם ערשטן אונ האבין דעם קוטש אנגעיאגט צום צווייטן מאל. נון וואר אצונד מעהר קיין הילף אונ קיין ראטה דען אום צוא שפאנן נאך א דריטן פערד וואר שון אונמעגליך דען די איבריגע פערד זיינען שון ניט זיין בכח צוא פארשלעפין דיא קוטש. דיא כלה איז געבליבן זיצען האלב טויט פון גרויס שרעק לעבין איר חתן. דער פירשט זעלבסט וואר גווים וויא א קאלך אונ האט זיך גנומען איטער נייט צו זיינע גווער דער ליבקנעכט האט אים אבער דיזעס מאל אויך דערפון אבגשלאגן וויל ער האט גוויסט אויף קלאר אז דאס וועט נור דיא וועלף מעהר אן רייצען אונ דאן זייען אלע פארלארין אונ האט גזאגט צוא זיינם הערין דיזע ווערטער מיין בעסטר הער איר זעהט דאך קלאר מיט אייערע אויגן דאס זיס איז שוין חית אונז איין ענדע עס וועט דויערן נאך אייניגע מינוטן אונ אונזער בלוט וועט זיך מישען מיט דיא בלוט פון אונזרע פערד דאהער קומט בייא מיר אום דאס דעפאר זייר ווילן שטארבן, מוז מען פרובין נאך איין רעטונג מיטל פיליכט וועט ער פון נוצען זיין עס איז וואהר דס דוזיגר מיטל איז שרעקליך אבער דאך מוז מען עס פרובין וויל דר ווילע איז תק אדר האנד היין אנדר מיטל נים דא. אונ וואס איז דאס פאר איין מיטל. האט אים ופרעגט דר פירשט צוטערנד וויא איין בלאט פון שרעק אונ אנגסט דר מיטל בשטייט נור אין דעם האט זיך אנגעריפן צו אים דער ליבקנעכט דס איך זאל אראפ שפרינגן צו די וועלף אונ וועל זיך





מיט זייא פעכטן מיט מיינם לאנגן דעגין אונ דרווייל וואס זיי וועלין זיך מיט מיר ארום רייסן וועט איר גנוג צייט האבן צו קומן אין יאכט הויף וואס ניט ווייט פון דאנן מער ווי איין האלבע מייל. דער פירשט הט דרהערט דיזע ווערטער פון זיין ליבקנעכט אונ איז גיווארן געל ווי א וואקס פון גרויס צער אונ אונמוטעס האט אים בענאמן איין אנגסט שוויים אונ האט אים פון גרוס קלעמניש קיין ווארט ניט גקאנט אנטווארטן דר ליבקנעכט אבר וואס ער האט גאנץ גוט פערשטאנן וויא ווינד אונ וויא עס איז זיינעם הערין צו זאגין יוא אדער ניין ער האט שוין ניט גווארט אויף איין תשובה ער האט ארום גצוגן זיין שארפן לאנגן שווערד אונ האט גזאגט צוא דעם פירשטן נון מיין ליבר הער לעבט אין פרידן מיט אייער כלה איך בעט אייך אים פאל ווען איך וועל אומקומן אונ איר וועט בלייבן לעבין זאלט איר זארגין פאר מיינע פרוי אונ פאר מיינע צוויא קליינע קינדר אונ דאס אויסריידענדיק איז ער אראפגעשפרונגען פון דעם קוטש צווישן די וועלף אונ הט זיך מיט זיי אומגשלאגן א גאנצע האלבע שטונדע ער האט פיל וועלף געטייט אונ פילע פערווינדעט ביז ער איז גבליבן אן קרעפטן אונ דאן זיינן זייא אויף אים ארויף מיט גרוס צארן אונ האבן אים צו ריסן אויף שטיקר אונ דר פירשט הט דר ווילע גהאט גנוג צייט צוא אנטלופן אונ איז גקומן לשלום צו מיר אויף דעם הויף כמעט איינגעשטארבער אונ די כלה וואר געליגן אין אונמאכט איך האב זייא ארייין גנומן צו מיר אין שטוב אונ האב זייא אבגעמינטערט אונ דר קוויקט מיט וויין מיט באלזאם מען האט גמאכט סאמאווארין אונ דאן וויא דר פירשט אונ די כלה זענן גקומן צוא זיך האבן זיי אן גהויבן שרעקליך צו וויינן אונ צו קלאגן איבר זייער טרייען בעדינטען אונ האבן

האבן מיך געבעטן דם איך זאל אייניגע יעגר און לעסניקס ארום
שיקן אנטקעגן זייער בעדינגטן טאטע אין נאך מיגליך אום צוא
רעטן גון בין איך זעלבסט ארום גערוטן מיט פופצעהן יעגר און
צעהן לעסניקס מיט זיינן גקומן צו יענם ארט האבן מיר שון דארט
ניט דערוויסט מער ניט וויא שטיקליך קליידר פון דעם בעדינגטן
און שטיקר צעריסנע פעל פון היא וועלף וואס דר בעדינטר האט
ניטייט אדר פערוואונדעט דען דיא וועלף האבן אין זיך אנאטור
צוא צורייסן אלע גיטייטעטע און פערוואונדעטע וועלף, איך האב זיך
אומגיקערט אהיים מיט דר טרויעריגע נאכריכט דם דער בעדינטר
איז שון מער אויף דר וועלט גיט דא עס איז גיט צוא בעשרייבן
דעם טרויער פון דיזן פירשט און פון דר פירשטין וואס זייא האבן
גיטרויערט איבר דיזן טרייען בעדינגטן, איך האב זייא גימוזט
בלייטן ביז זייערע גיטר. און דארט האבן זייא אריין גנומן די
אלמנה פון דעם בעדינגטן מיט אירע צוויי קינדר צו זיך אין שטוב
און זארגן פאר זייא וויא טרייע עלטרין. די קינדר ווערין זייער שיין
דערצויגן און גבילדעט און דיא אלמנה לעבט זיך דארט זייער
אנשטענדיג און רואיג. עס וואר אין דיזען ווינטר גרוסע יאכטין
אין דיזר געגענד. עס ווארין אין דיזע וועלדר דרשאסין העכר אז
פינף הונדערט וועלף לבד וואס מען האט געפאנגן אין גריבר און
אין אייזרנע פאסטקעס עס איז אבער אין דר נאטור פון די וועלף
זייער ווינדרליכע זאכן. ערשטענס ווען זיי ווערין אלט און קענן
שון ניט בעקומן מעהר זייער ערנערונג, זיכען זיי איינע געלעגנהייט
דאס ער זאל אומקומן ער קריכט צווישן מענטשן און לאזט זיך
טייטן פון אין קינד אדר פון איינע פרויא און דאס איז געשעהן
וויפיל מאל דא בייא מיר אויף דעם הויף אום זומערצייט וואס די
וועלף



וועלף זיינן דר מאלם אם שוועכסטן צווייטנס האבן זיי אין זייערע
ציינר אין אונבשרייבליכן כח און ווארטע איך עס ניט געזעהן
מיט מיינע אויגן וואלט איך עס ניט גיגלויבט עס האט אמאל איינר
פון מיינע בעסטע פערד גקרעפירט אנטקעגן מיין פענסטר און דיזעס
איז געשעהן אום ווינטר דיזער פערד וואר זייער גרוס און דיק און
וויא ער איז געפאלן אין דר שניי אונטר אים צו שמאלצן גוואריין
און איז דר נאך באלד איינגעפרארן גוואָרען דען עס וואר גרויסע
פרעסט און מען האט אים שון ניט גיקאנט פון דארט צוא נעמין
און עס איז געבליבן ביי מיר דם ער זאל דארט בלייבן ליגן ביז עס
וועט ווערן איינע אדלייע, נון זויא וואר אין אפאר טעג ארום
איינע זייער שיינע נאכט דיא לבנה האט געשיינט און! עס וואר
זייער ליכטיג און דער פראסט וואר זייער גרוס איך בין מיר דאן
געזעסן לעבין פענסטר און האב מיר גרייכרט מיין פייף און האב
מיר ארום גקוקט אויף דעם גרוסן געגענד וואס ליגט אנטקעגן דעם
פענסטר עס וואר שטיל און פריידליך אויף דעם גאנצין פלאץ און
דר שניי האט שון דאן בדעקט אלי פעלדר און וועלדר נון האב
איך מיר ארייגלאזין און פרשידנע גדאנקן און האב פייא זיך
גטראכט דיא נאטור איז אבגשטארבן און אלע פייגליך האבין
אויסגיוואנדרט אלע פרעשע האבן זיך שלאפן גליינט אויף זעקס
חדשים אויף דר בער שלומרט אין זיינר הייל אדר גרוב וועלכע
ער האט זיך אין דר ערד אויסגגראבן און זייגט זיין לאפע נור דר
מענש איז וואך ער מאכט זיך אין זיין הויז אין דעם גרעסטין
ווינטר העם בעסטין זומר און עס וואר וויא איך טראכט מיר אזו
עס וואר דאן שון ארום צוועלף מיט אמאל האב איך דר זעהן
ווי עס איז גקומן אגרוסר וואלף צו לופן און האט זיך אבגשטעלט
לעבין

דער בער מיטן ווילדן חזיר טו - טז 15 - 16



לעבן דר פאדלע אונ. האט איר בעטראכט אפאר מינוטן אונ איז
זיך אוועק גלאפן געשווינט ווי איין פייל פון בוגן אונ אין גקומין
אין צעהן מנוטן ארום מיט נאך איינעם אונ זיי ביידע האבן אריין
גהאקט זייערע גרוסע ציינר אין דר פאדלע אונ האבן איר ארום
גריסן פון דעם איין אין וועלכן זיא וואר איינגעפרארן אונ זיינן
מיט איר אנטלאפן גוואורן זייער לייכט אונ געשווינט אין וואלד אריין
אויף מארגן האב איך מיט מיינע לייט נאך גשפירט דעם שלאר
אונ האב שון דר ווישט פון דר פאדלע נור די קאפיטעס. דריטענס
האבן זיי אין זיך אנאטור דאס זיי צו רייסן זעלבסט יעדן וואלף
פון זייער איינער שטארקע וואס ער איז גור פרווינדעט גוואורן דורך
אמענשין אדר דורך ארונט אונ נאך מעהה צו דיסן זויא יעדין
וואלף אויף וועלכן עס האט זיך ארופגשפריצט דיא שוים פון איין
שווין אונ דאהער דיא חזירים וואס ווייסן שון זייער גוט ווי שעדליך
עס איז זייער שוים פר די וועלף רעטין זייא זיך נור מיט דעם פון
זיי. אונ זיי מאכן עס אזו, ווען איינע שטארקע חזירים וואס ווידין
זיך אין פעלד דרזעהן פון ווייטין דאס עס לופן צוא זייא איינע
שטארקע וועלף שטעלן זיך די גרוסע צו זאמן אין דר הינדע מיט די
שנוקס ארום אונ מיט דיא הינטר חלקים אין וויניג אריין אונ דיא
קליינע חזירמלך גמען זויא אריין אין מיטן דאס הייסט אין דעם
קליינעם פלאץ וואס עס בלייבט צוא ווישן זייערי הינטרלייבר אונ
דאן הייבן זיי אן צו שרויען האקען אימער מיט די שנוקס אונ ווארפן
פון זיך שום אדער פיענע אונ בלייבן אזו שטיין ביז עס קומין אן
מענשין אויף דורען לארעם. דיא וועלף בלייבן שטיין פון ווייטין
אונ האבן פחד צו צוגיין צו זיי דען אויף וועלכין עס גוט נור אשפריצן
זייער שום ווערט ער אויף דר שטעלע צו ריסין פון דיא איבריגע
וועלף



וועלף אויף שטיקר. ווארום אונ פר וואס ווייס קיין מענש ניט אונ
פון וואנן ווייסן עס די שווינען דס זייערי פיענע איז אונערטרעגליך
די וועלף דס קענן מיר אויך ניט פארשטיין גענוג גרוס איז דער
באשעפר אונ זיין בריאה איז אונערפארשליך. אויך האט מיר גאט
גמאכט איין געלעכטר, אין דעם פאריגן זומער מיט אבער אונ מיט
אווילדן שווין. מיינע לייט האבן אן גמערקט דס עס קומן צוא
זאמן אלע טאג אין אגעוויסן ארט אין וואלד אבער מיט אווילדען
שווין אונ שלאגן זיך צו זאמן דר בער רייסט אום קארצעם אונ
ווארפט פון ווייטן אויף דעם ווילדן שווין אונ ווי דר ווילדר שווין
לופט צו דעם בער מיט גרוס צארן חאפט זיך דר בער ארוף אויף
איין גרוסין בום וואס ניט ווייט פון אים אונ דאן דרייט זיך דער
ווילדר שווין ארום בוים מיט גרוס כעס האקט מיט דיא ציינער
אונ רירט דיא ווארצלין אונ וויא ער זעהט דס זיין ארבייט אז
אומזוסט גייט ער זיך שון אוועק מיט איין אראפ געלאזענעם שנוק
אונ דאן חאפט זיך דר בער אראפ אונ הייבט ווידר אן אויף אים
צו ווארפן קארצעם אונ שטיינר אונ קלעטערט ווייטר ארוף אויף
דעם בום. דיזער שפיל פלעגט גדורען אלע טאג אפאר שטונדען
אונ אלץ אין דר זעלבן צייט נון האבן מיר גהאט עטליכע וואכען
נאך איינאנדר דען פערגניגן עס צו צו זעהן, ביז וואנן עס האט
אונז שון דאקוצט דאן האב איך גהייסן מייני לייט דס זיי זאלן
אונטער זעגן יענן בום אויף וועלכם דר בער איז גוואוינט ארויף
צו קלעטרין אויף אים אלי מאל ווען דר ווילדר שווין יאגט זיך
נאך נאך אים, האבן זיי עס גטאן פון אוועגד, אונ מארגן אין דר
פרוא האבין מיר זיי שון דר ווארט מיט געלאדענע ביקסן, מיר
האבן זיך בהאלטן צו ווישן גדיכטע בומר אונ האבן זיי דר ווארט
זייא

3

די מעשה מיט דער באהאלטן אין דער ... 16 - 21



זיי זיינען געקומען צו דער בעשטימטער צייט און האבען זיך געשלאגען ווי געוועהנליך. און עס וואר ווי דער בער האט אן געהויבען צו קלעטערן אויף דעם בוים האט ער זיך באלד איינגעבראכען און דער בער איז ארונטער געפאלען און האט זיך זייער שטארק צו שלאגען און בפאר ער האט פאשפייעט זיך אויך צו חאפען איז צו אים אונטער געלאפען דער שוויין און האט אים אויף געריסען דעם בויך מיט זיינע צוויי גרויסע ציינער און דאן בשעת ער האט דא אויף אים אום געלאזען זיין גאנצען צארין האבען מיר אים געשאסען אויף דעם ווילדען שוויין מיט אכט ביקסען און ער איז געבליבען ליגען טויט לעבען דעם בער און מיר האבען זיי ביידע געבראכט אהיים צו מיר מיט גרויס פרייד. איך וואוין דא צוואר אין איין ווילדניס צווישען פייגעליך און ווילדע טירן און דאך איז דא אויך צו זעהען די גרויסע השגחה פון דעם בורא ברוך הוא דען זיינע צדקות מיט דיא ברואים גרייכט ביז אין הימל און זיין משפט מיט דעם מענשען איז ביז אין דיא טיפסטע וועלדער און ביז די גרויסע אבגרונדן. די אלמנה פון דעם בוער וואס איך האב אייך דא ניט לאנג פון איר דער ציילט דאס זי איז בלינד געווארן ווייל זי האט איר ארום גענומען פלעצליך פון דער שטוב וואס וואר פערשאטען פון דעם שנייא האט אן געהויבען צוא בעטלען דען זי האט זיך שוין ניט געקאנט מער ערנערן פון איר אייגענע הענט ארבייט; איר טאכטער פלעגט איר אלע זומער אוועק צוא פירן קיין (גאטטענבורג) און פלעגט איר אנידער צו זעצען בייא דעם טויער פון שטאט און יעדער וואס האט דער הערט די געשיכטע פון איהר בלינדהייט פלעגט איר ארענטליך באשענקען (דען אדיכטער) דאס הייסט אמליץ וואס קען מאכען שירים אדער לידער. הט געשריבען. די סבה פון איר בלינד ווערדען. אשיינעם ליד;

און



און האט דער צו געפאסט א שיינעם ניגון; און זי פלעגט עס צו זינגען די גאנצע זומער צייט ביי דעם טויער. און די טאכטער א מיידיל פון א יאהר דרייצהן פלעגט איר צו צו האלטען זייער שיין. דיזעס ליד האט געקוסט דם הערץ פון יעדען פאר ביי גייהענדען און פלעגט איר בעשיינקען מיט וואס נור מעגליך און ווייל דיזעס ליד האט זיך אויס געלאזט מיט דיזע ווערטער: דו גיסט ניט מיר, נור אליין דיר. אין דיזע ווערטער פלעגט די בלינדע מיט איר טאכטער איבער צו ווידער האלען ביי יעדעם מאל עטליכע מאל מיט הויכע שטימען האט עס פערדראסען איינער דאמע וואס זי וואר איינע אקטערקע געוועזען זי פלעגט איר אלע מאל שיינקען קליינקייט אום אויס צו הערען דיזע שיינעם ליד מיט דעם שיינעם ניגון און אין הערצען וואר זי אויך איר העכסט אויפגעבראכט ווס זי ווידער האלט גראד דיזע עטליכע ווערטער מיט פליים און דר צו נאך מיט אזוי א גרויסע שטימע. דא האט די אקטערקע ביי זיך געטראכט ניין וועל איך דיזער בלינדען ציג בעווייזען ווי זי זאגט ליגען. אין איינעגע טעג ארום איז וואר ביי דער אקטערקע חתונה זיא האט גענומען איינגען מאן וואס זי האט אים שוין געליבט פון כמה יאר און האט קוים דר לעבט דם ער זאל איר נעמען דען ער וואר איין זייער ארענטליכער מאן און וואר איין בוכהאלטער אין אקאמפטאר און האט געהאט איין גוטעם געהאלט און וואר דר צו זייער שיין און אויך געבילדעט. און זי וואר צוואר זייער ריך און שיין אבער איר שם אין שטאט איזט ניט געוועזען אזוי שיין און איר האט זיך געוואלט ווי אלע אונצוכטיגע פרייען אויס וואשען איהרע שאנדפלעקין אין די עהרע פון איינעם אנדערען. קורץ דער פון

זי

זיא וואר העכסט פרייליך אונ האט געבאקט אויף דער הוכצייט
זייער פיל לעקיך אונ זייער פיל טארטען. אונ הט דערונטער
געבאקט איין צוקער קוכן פאר דער בלינדע אונ הט אין אים
ארייןגעמישט גענוג גיפט דס הייסט סם אונ גייענדיק אין
שטאט הט זי עס דר לאנגט דער בלינדע אונ הט איר גזאגט
דיזע ווערטער. הערסט דו בלינדע דא האסט דו פון מיר איין
גרויסען ציקערקוכען דען עס איזט ביא מיר מארגען הוכצייט
בעט פאר מיר דס איך זאל האבין אגוטע מערכה. די בלינדע
הט איה גענפערט, זעהסט דו מיינע טאכטער נימ מיר גיסט
דו נור דיר. די אקטעריקע הט זיך זייער שטארק פונאיינאנדער
געלאכט אונ איז זיך אוועק געגאנגען, די בלינדע האט דעם
קוכען זייער גוט בעטראכט אונ הט גזאגט צו דער טאכטער.
מיין קינד נעם צו דיזען לעקיך אונ בעהאלט אים אויף דעם
טאג (אלער זיילען) דס הייסט (ווסיעך סוויאטיך): מיר וועלן
דער פון דאן געבן אונזערע טויטע פריינד אונ מיר וועלן אויך
דער פון עסען לכבוד דיזען היילינגען טאג. עס איז איינע זינדע
אויף צו עסן עס אין איין וואכעדיקן טאג. דיזעס איז געשעהען
דעם צוואנציגסטען אגוסט אונ דעם ערשטען סעמפטעמבער
הט זי זיך אומגעקערט מיט איר מיידיל אהיים אום צופערלעבין
דעם ווינטער אין שטילען אונ רוהע אין איהר וואוינונג מיט
איהרע ביידע טעכטער. זי הט מיט זיך געבראכט אטאלער
הונדערט אונ דעם קוכען דער צו אונ דס וואר גענוג פאר זיי
דרייען דורך צו קומן דעם גאנצן ווינטער. אונ די אקטעריקע
וואס זי הט שוין חתונה געהאט הט זיך אוים גרויס פריידען
גאנץ פערגעסן אן דר בלינדע אונ אן דעם קוכען אונ וואר

אימער



אימער לוסטיג. זי הט זיך באלד נאך דר חתונה אפ גזאגט פו
טעאטער אונ האט זיך אן געהובן אופצופירען זייער גרוים אונ
ברייט דען זיא האט געהאט איין פערמעגין מעהר אלס הונדערט
טויזענד טאלער אוף פראצעהנט דען זי וואר איינע גרוסע זינגערען
אונ האט גאלד צוא זאמען געשארט הופען ווייס. נור צוא ליב
דעם מאן האט זיא זיך אפגעזאגט אונ הט זיך געקויפט ניט ווייט
פון ראנען אגוט. ענדע אקטאבר איז זיא מיט דעם מאן אריין
אהין וואוינען, אונ האט שון געמיינט דאס זיא איז שון מיט דר
וועלט קוויט אונ האט זיך שון אויך מיט דעם בורא ברוך הוא
אוס געקוויטירט. גאט ברוך הוא איז אבער אגרוסר רעכנמייסטר
אונ מאנט אוף אוך אלטע הובות אונ במעט גאר פערפאלינע
ער קאסירט איין אלע זיינע שולדען אבער ניט וויא מיר מענשן.
ער צאלט ביא אים אמאל אקינד פאר אפאטער אונ אמאל
אמאן פאר אווייב אונ אמאל פערקערט וויא יעדערן איז
בעשערט וויא דא איצונד איז געשעהן מיט דיזען אונשולדיגען
יונגען מאן וואס זיינע גאנצע זינד, וואר נור דאס ער האט ניט
געטאן מיט זיין גלייכן דען דעם פופצעהנטען נאוועמבער ווארען
ביא אים געסט אונ ער האט זיא איינגעלאדען צו איינעם
פאנעל יאכט; זיי האבין זיך פערטיפט אין וואלד אונ צום
אומגליק איז געווארן אגרוסר שטורעם מיט אזאווירע אונ דר
יונגער מאן האט זיך פעראירט אין וואלד אונ איז שיר אומגקומען
פאר קעלט אונ איז שיר צו ריסען געווארן פון וועלף. נון האט
אים זיין אומגליק צו געפירט צו דר שטוב וויא עס וואוינט דיזע
בלינדע פרויא. עס האט נאך דארט געברענט פייער, ביידע
טעכטער האבן נאך גשפונן אונ האבין געזונגען זייער אלטען ליד

פון

פון דר מוטערס בלינדהייט און ווא זייא האבן אום געלאזן דיא
ווערטער, דו גיבסט ניט מיר. נור אליין דוך. איז אריין דיזער יונגער
הער האלב טוט פון קעלט און פראסט ער האט ניט געקענט
אוואָרט רייִדען דען ער וואר ווי א איין שטיק אייז. ער האט דר
וויסט די בלינדע שון אין בעט. אין שטוב וואר ווארעם. ציכטיג
און ליכטיג. זיי האבן אים דארט באלד דר קאנט דס ער איז דער
מאן פון דר אקטארקע. ווס זיא הט ניט לאנג דא גקופט אגנט ניט
וויט פון זיי. נון האבן זיי אים זייער שיין אופגנומען. ביידע טעכטער
האבן אים אום גטאן זיין אובער מאנטעל און האבן אים אויס
גבעט לעבן אובן. האבן אים געמאכט אפאר גלעזער קאווע און
האבן אים דר צו גיגעבן דעם ציקערט קוכען וואס זיין פרוא האט
אים פערגיפטעט און האט אים אוועק געשענקט דער בלינדע.
און די אלטע האט צו אים גזאגט. זיי מעגן מיין הער דיזען קוכען
עסין דען עס האט אים אייער אייגענע פרוא גבאקין און האט עס
מיר אלעם מזל טוב לעקיך גיגעבן נון בלייבט אימער מיין אלטער
שפריך ווארט ניט דוא גיסט מיר. נור אליין הוה. דר יונגער מאן
האט איר זעהר גערדאנקט פאר דיזער פריינדשאפט און האט איר
דר צוא נאך אטאלר אויך געשענקט ער האט גטרונקן דיא קאווע
און האט גיגעסן דען צוקר קוכען און איז זיך דארט בייא נאכט
אוועק גשטארבן. עס וואר דארט אגרויסע שלעצטיגע און עס הט
זיך אלץ דייטליך און קלאר אויס גוויזן דאס דיא אקטערקע
זיינע אייגענע פרוא האט דעם קוכן פערגיפטעט מען האט איר
זייער שטארק עקזאמינירט און זיא האט זיך מודה גוועזן און דיא
בלינדע איז גבליבן בייא איר שפריכווארט עד היום הזה. נון
פערשטייט זיך פון זעלבסט דאס דיא אקטערקע איז גריכטעט
געווארען



גווארן מיט דעם שווערט אין דריי חדשים ארים אין וועלכי זי הט גהאט
צייט גענוג צו בעוויינען איהרע געליבטען מאן אין איר אייגענם לעבין.
קורץ דער פון מיינע בעסטע פריינדע מעגען דער קענען דיא
השגחה פון גאט זעלבסט דא אין וואלד און נאך מער איז צו
בעווונדערין זיין חכמה וואס זיא צייגט זיך אין דיא נאטורן פון
דיא ברואים. איך וואוין שוין דא שיינע עטליכע יאר און
האב גענוג צייט געהאט פילעס צו בעטראכטען בשעת איך
גיי מיר אזוי גלאט שפאצירען אדער אויף יאכט. דר בער הט
אין זיך די נאטור צו וואוינען אין דעם טונקעלסטין ארט פון
וואלד אין אגרוב אדר (בערלא) וואס ער פערדעקטעם מיט
צווייגן און לעבט אימער אין (איינזאמקייט) דם הייסט ביחידות
און ניט אין געזעלשאפט ווי די וועלף. ער איז נור צו זאמען
מיט זיינער ווייבכן און ווייטער ניט זיא געווינט אים אלע צווייז
יאר דריי אדער פיר קינדר. און זיי ביידע ליבן דיא קינדער
נאך מער אלץ זייער לעבין און ערציהן זיי מיט דר גרעסטער
ליבע אין דער וועלד. און דער נאך ווי זיי האבן זיך רעכט
אונטער געהארעוועט און זייגען שוין אין שטאנגר זיך אליין
צו ערנערין פערלאזין זיי דיא עלטערן און קערן שוין זיך מער
ניט אום צו זיי. נור דער עלטערערזון שטעלט זיך אפ בייא
זיי אום צו העלפן די עלטערן צו ערציהען די קינדער וואס וועלין
אין דעם אנדערין יאר געבארין ווערען. דיזע עלטערען זון
רופען די יעגער מיט דעם נאמען (פיאסטון) דאס הייסט איין
קינדה ערציהער. עס איז וואונדער שיין צו זעהן ווי דיזע בערישע
פאמיליע זייגן אוף דר וואנדרונג דס הייסט ווי זי גייען צו זאמען אום
אין וואלד אום אום צו זוכן פר זיך איין זיכערן ארט זון דר פריהערער
ארט

ארט איז. דר פאטר גייט פריך מיט אגרוסי בורצריי. די קינדר
נאך אים מיט דעם פיאסטון און די מוטר גייט גאר פון הינטן
און. ווען איינער פון דיא קליינע בערלעך טרעט אפ
עטוואס אן אזייט דא גיט אים דער פיאסטון די גרייליכע
פעין און שלעפט אים צו ריק אין דר רעכטער וועג.
ווען זייא קומן לעבין אשטיין אדער לעבן איינעם אום
געווארפן בום איבר וועלכן די קינדר קענן ניט אריבער
גיין הייבט ער זייא אריבר אוך לערענט ער זיי קלעטרין
אויף בומער און צו קולרן זיך אויף דר ערד. דען דיא
בערין האבן אין זיך אנאטור זיך צו זאמן צו לייגן ווייא
איין קויל דעם קאפ צו ווישן די פים און צו קייקלען זיך
זייער געשווינט ווי איין קייקעל אויף דעם פאמאסט.
און דם טוען זיי הויפטזעכליך בשעת זייא דארפין זיך נאך
וועמין נאך יאגן דר צווא אנטלויפן פון איין יעגער. עס
ווערן די קינדר זייער שטארק גשלאגן ביי דיזעם לימוד
און די עלטערן שטייען זיך פון ווייטן און זעהן עס צווא
מיט גרוס פערגעניגן. דער בער איז זייער שטארק און
זיין גרעסטער כח איז אין די לאפעם, ער איז אין שטאנד
אום צו רייסן יונגע בומער מיט די ווארצלן ארוס. ער
קען מיט איין פאץ אראפ זעצן דעם שארבין פון מוח עס
איז אים זייער לייכט צו צו קוועטשן דעם שטארקסטין

מענשען



מענשן אין זיינע גראבע ארעמס, און ווי ער איז שטארק
און געזונד שרעקט ער זיך זייער לייכט איבער און הייבט
אן צו לאקסירען מיט בלוט און קרעפירט אין איינע
מינוטן ארום. זיין קאפ איז זייער שוואך און דאהער
בדעקט ער עס שטענדיק מיט זיינע לאפעס בשעת ער
קייקעלט זיך אדר ער ווארפט זיך אראפ פון אבוים.
אגאנץ ווינטער שלאפט ער אין זיין בערלא און זייגט
זיין לאפע. איין האלבען ווינטר ליגט ער אויף איין זייט
און דעם אנדערן האלבן ווינטר ליגט ער אויף דיא אנדערע
זייט. ער שטייט אויף ערשט אין ניסן און זעהט אוס דאן
זייער מאגער. אויך זעהט מאן אים אפט אויך אין מיטין
ווינטער אומגייענדיק אין אלינדן טאג און הויפטזעכליך
ווען ער ווערט גשטערט פון זיין רוהע און געפינט דעם
ארט וואו ער איז ניט פאר גאנץ זיכר. און ווייל דער
בער ליבט זייער זיינע קינדר איז ער דאהער זייער צארניג
ווען מען רויבט פון אים אוועק איינם פון זיי. ווייהע איז
דעם מענשן וועלכן ער באגעגנט דאן ער רייסט אים
אראפ דעם שארבן און זייגט אוס דעם מארך און דעם
קערפער בעהאלט ער אונטר צווייגן אין איין טונקעלען
ארט און געניסט עס אין עטליכע טעג ארום ווען עס
הייפט אן שון רעכט צו שטינקן, עס איז אבער צווא

געשוונדע

A FRIEND IN NEED IS A FRIEND INDEED.

משל מיט צוויי חברים אין ז' בלאט



בעוואונדערן דס ער גניסט ניט קיין טוטן קערפּר. ווען
ער געפינט איין טוטן מענשן ליגענדיק אויף דעם וועג אדר
אין וואלד שמעקט ער אים ארום אונ וויא ער זעהט דס
ער האט קיין אטעם ניט לאזט ער אים ליגן אונ רירט
אים ניט אן גלייך ווי ער וואלט אים געשוינט ווייל ער
אליין פון זיך געשטארבן איז. אונ דאהער ווירד דער
ציילט דר פון איינער (פאבעל) דס הייסט א משל עס זיינן
אמאל גגאנגן צווייא גוטע פריינד אין דר וועגענס אונ
האבן צו ווישן זיך גשפּראכן זייער פריינדליך אונ יעדיר
פון זיי האט זיך גפרייט דאס ער האט זיין פריינד ליעבן
זיך. דען זעלבסט אין דער היים איז מאן גנוג עלענד אונ
אונגליקליך ווען מען האט קיינע גוטע פריינט אונ פשיטא
שון אונטר וועגינס, אונ גיוענדיק העכסט צו פרידן פון
זירע פריינדשאפט האבן זיי זיך צו קושט אונ האבן זיך
גגעבן איינר דעם אנדערן אהאנט דס זייער פריינטשאפט
זאל גדויערן אין דר אייביגקייט אונ אין דעם ווי זיי פרייען
זיך דא איינה מיט דעם אנדערן איז זיי גקומן אבעהר
אנטקעגן. ער וואר זייער גרוס אונ דר צו אויך נאך זייער
גרומיג. ער איז גגאנגן אויף זיינע צוויי הינטערסטע פים
שטייענדיק אונ האט זייער שטארק געברומט. אונ עס
וואר ווי זיי האבן אים דר זעהען האט זיך איינער פון זיי





ארויף גחאפט אויף איינעם געדיכטן בוים אונ האט זיך
בעהאלטן אונ האט איבר גלאזן דעם אנדערן אין גרויס
סכנה. צום גליק אבר האט דיזער פערלאזנר פריינט
גוואוסט פון דעם סוד דאס אבער עסט ניט קיין טויטין
קערפּר האט ער זיך אנידר גווארפן אויף דר ערד אונ הט
זיך גמאכט פר א טוטן. ער האט ניט גרירט קיין גליד
אונ הט איין גהאלטן דעם אטעם. דער בער איז צוא
גגאנגן אונ האט אים זייער גוט ארום גשמעקט ארום
נאז אונ ארום די אוערין אונ ווי ער האט געזעהן דאס ער
איז טויט איז ער זיך אוועק גגאנגן זיין וועגס. אונ אז דר
בער איז שון געווען גאנץ ווייט הט ער זיך אופגחאפט אונ
הט זיך אן גהובן אום צו פילען אונ האן איז ארא פון בום
דר צווייטר אונ הט אים גיפרעגט לאכענדיג נוא וואס הט
דיר דר בער פר איין סוד גערֵאמט אין דיינע אוערין.
ווי איין רעכט קליגר ווארט האט ער מיר איינגערוימט
אין מיינע אוערן. הט זיך צוא אים אפ גערופן יענער
אוספולענדיק זיך, ער האט מיר פערזאגט דאס איך זאל
ניט גלובן אין קיינעם פריינד ביז איך וועל אים
אויספרובירען דאס ער איז טריי אין נויט אונ ליידן ווי
אין פערגניגן אונ פריידן דוא אבר ביזט פאלש אונ דיינע
ווערטר זיינד ליגן דען דו האכט מיר אין גפאהר פרלאזן.

וי מע כאַפּט בערן



הי בעהע ווערן דא געפאנגן אויף פערשידענע אופנים . ווייל
מען זיי האפן לעבעדיקערהייט שטעלט מען אנידער אין
וואלד אקארטע מיט בראנפן וואס עס איז פערמישט מיט
האניק , דער בער ליבט הו ביידע זאכן ווי זיין לעבן , און
טרינקט עס אויס אין גאנצן און ווערט אויף דער שטעלע
אנטשלאפן און בלייבט ליגן ווי איין טויטער . און דאן
קומען דיא יעגער און , שמידן אים מיט קייטן . ליגן אים
ארויף אויף איין פור ברענגן צו זיך אהיים און שמידן אים
אן אסלופ און לערנן אים אויס אלערליי קונצן . ווייל מען
אבער זיי בקומן שון געטויטעטע מאכט מאן איין פאלשן
בינשטאק מען שמירט אים אויס אינוויינניג מיט האניק און
מען בינט אים אן אהויבן שטארקן בוים און מען מאכט
דארט אויבן לעבן בינשטאק אשטארקן בענקיל דאס דער
בער זאל קענען דארט גוט איינזיצן און אנקעגן די טירעלע
פון בינשטאק בינד מען אן אשווערע קלעצל וואס זי איז
אן גנאסן מיט אפאר פוד בלייא און אונטן אויף דער ערד
שלאגט מען אריין שפיציגע דעמבאווע פלעקר ארום
דעם זייט בוים וואס אנטקעגן בינשטאק נון פערשטעט זיך
פון זעלבסט ווי דער בער דער שמעקט די האניק דא טרעט
ער צום בוים פון דער זייט וואס עס איז ניט איינגעשלאגן
דארט די פלעקר און קלעטערט אויף אים ארויף און זעצט
זיך



זיך אויף דעם בענקעל וואס ער קומט אום אנטקעגן די טירל
פון בינשטאק דארט אויבן און אנטקעגן דיא שפיציגע
פלעקר וואס זענען אריין געשטעקט אונטן : נון ווייא דער בער
וויל צו קומען צו דער טירעל פון בינשטאק און די קלעצל
וואס הענגט דארט אנטקעגן פארשטעלט עס . גיט ער איהם
אשטופ פון זיך דען ער מיינט דאך דורך דעם וועט זיא
שון אין גאנצן ארונטער פאלן די קלעצל אבער וואס הענגט
אויף אשטריק פליעהט באלד צוריק און טוט דעם בער
איין גוטן זעץ . דא ווערט ער צארניג און טוט די קלעצל
אנגרעסערן שטופ . זי פליהעט גאנץ ווייט און דער נאך
קערט זי זיך באלד צו ריק אום מיט אגרויסע האסטיגקייט
און גיט דעם בער נאך פיל מאל גרעסערן זעץ . און אזוי
געשיהעט עס עטליכע מאל און ביי א יעדעס מאל בקומט
דער בער אלץ אגרעסערן זעץ ביז ער פאלט ארונטער פון
בענקיל אויף די שפיציגע פלעקר און בלייבט ליגן דארט
האלב טויט ביז די יעגער קומן צו גיין און נעמן אים צוא.
אויך האב איך דא אן געמערקט גרויסע וואונדער אונטער די
פייגעליך פון הימל וואס זענען דא אין דיזע וועלדער . איך וויל
אייך אבער דא פון מער ניט דער ציילן אפאר זאכן . ערשטנס
איז דא אפויגל וואס מען רופט אים דער האלין הוזער . ער
ערנערט זיך נור פון די ווערים וואס זענען אין דיא בוימער
צווישן

ז׳ פייגל



צווישן דן האלין אונ די קארע אונ שאדן זייער די וועלדר. נון הט דיזר פויגל אין זיך דיא קראפט צו פרשטיין דעם ארט וואו דר וואורעם ליגט דארט אונ בעקומט אים ארוס מיט איינעם פיק. מיר מענשן וואלטן דיזע שטעלע דארפן זוכן אגאנצן טאג אונ דאהער וויל ער איז זייער נוצליך פאר די וועלדר ווערט ער זייער דא געשוינט פון די יעגר אונ קיינר שיסט אים ניט. צווייטענס איז דא אפויגל וואס מען רופט אים מיט דעם נאמן (קרייצשנאבל) אדער קריוואנאס. אונ ער הט אין זיך אפארקערטע נאטור פון אלע פייגלעך וואס זענן דא אין דר וועלט. דען יעדר פויגל לייגט דאך אייער אונ בריטעט אום קינדר נור אום זומער. אונ דיזר קריוואנאס לייגט אייער ערשט אין שבט אין דיא גרעסטע פרעסט וויל דאן ווערט צייטיג זיינע נאהרונג אונ דס איז די קערנר וואס ליגן אין דיא (טאנענצאפען) דס איז אין דיא סיסקעס פון די בוימר וואס ווערן פארטיג אונ רעכטצייטיג נור אין דיא גרויסע פרעסט. נון איז דר פון פאר דעם מענשן געגוג צוא לערנן דם מען זאל אנדרס קיין ווייב נעמן אום קינדר צו האבן סיידן אז מען איז שון אין שטאנד זיך רעכט צו ערנעהרן אונ דם זעלבע געפינן מיר אין דר גאנצר בריאה דם יעדו באשעפעניש איז זיך נור מזווג מער ניט אין דעם



NB



צייט ווען זייערע מזונות זענן שון פארטיג. קורץ דר פון מייני בריה דר שענסטע (טעמפעל) דם הייסט בית המקדש אונ דר הייליגסטע מקום קדוש וואס מען קען דארט באקומען גרויסע יראת אלקים אונ איינעם גרויסן אראפ פאל אין דיא נאטור דאס הייסט אשטילר וואלד אדר איין גהויסעם פעלד. איין וואסער איין מער. דען אין דיזע אלע ערטער זיין געשריבן מיט דייטליכע בוכשטאבן די גדלות פון גאט אונ בפרט אויף דעם גרויסן הימל וואס ער איזט בעזייט מיט מיליאנען שטערנם וואס זייען פיל מאל הונדרט גרעסיר פר אונזער ערדע מען דארף נור דיזע הייליגע שריפט לעזן קענן אונ דאן וועט מען ערסט האבן איין רעכטעס וויסן פון גאטס מאכט אונ קראפט. ווער קען באשרייבן די פלאים פון די (נארדליכטער) דאס הייסט פון דיא ווינטערדיקע בליצן וואס בליצט דא אונ אונזער לאנד איבער דעם הימעל אין די גרויסע ווינטער נאכט. זיי שיינן ווי די העלסטע ראקעטן אין דר וועלט. זיי זייען פון אלערלייא פארבן רויטע בלאהע געלבע, זיי פלעגטין זיך דורך אונ בעלייכטן דיא פינסטערע נאכט ווי שענסטע פייערווערק אונ דער וועלד מיט גרוים לארעם אונ גראעש אונ דיזע נאכט שטיי איך שטינדן לאנג מיט מיינע אויגן געווענדט צום הימעל אונ האלט זיך אונטער מיט מיינעם

נאט, מיון הארץ איז פול דאן מיט דעם גרעסטן (ענטציקן)
דאס הייסט התפעלות אדר היילינע געפילע אונ מיינע אויגן
גיסן פריידן טרערן אן מיינע בעסטע פריינד איך וועל ניט
אומביזן דיזען וואלד אויף די גרעסטע רעזעדענץ שטאט
אין דר וועלד ; דען דארט פערלירט זיך דר מענש אונ
פארגעסט זיך אן זיינעם גרויסען באשעפער אן זיינעם
תכלית אונ לויפט פון איינעם נארישן פארגניגן צוא דעם
אנדרין אונ דא אים וואלד בלייבט דר מענש ביי זיינעם
ריינעם גידאנקן אונ דאנקט אים אימער דס ער איז איז
נאטס (האללע) דאס הייסט אין גאטס הויז. איך האב
פארלעבט אין דער גרויסע שטאחט פאריז א איך רעכן
זין נאר ניט אין חשם צאל פון מיינע יארן דען זיי זייען איבר
גילאפין אין הבלים. איך האב זיך נאך געיאגט דארט נאך
אשאטן נור נאך די פאלשע עהרע. נאך געלד נאך אפולע
געלד אונ האב זיך ניט באגעגענעט מיט מיינעם גענוגן
לעבענסמיטעל אונ די טעג זייען גפלויגן איבר מיר ווי
שטונדען. אונ דא אין דיזר ווילדניס האב איך באקומען
די וואהרע גוטער פון לעבן. גיזונדהייט. איין רוהיגעם
הארץ. גאטס פורכט איין ריינעם געוויסן. אונ האב דר
קערנט זייער פיל וויסענשאפטן. איך פארשע גאנצע טעג
דיא נאטור אונ דר גייא זייער פול זאכן אונ זעהע מיך
אן



עפים ווי איין אלטער בעקאנטער אין גאטס הויז אונ
נדע מיך דא ווי ניע געבארן אונ גליקליך. עס וואר זא
גרויסער פערגניגן גיוועזן צו הערן דיא רייד אונ דעם
שפרך פון דיזן מאן. ער הט אונז אונטער גיהאלטן אזוי
ט זיינע דרציילונגן ביז צוויי דעם זייגר ביי נאכט, דר
לאף הט אונז פון אים גישיידעט ניט ווילענדיג אונ יעדר
ן אונז איז גינאנגן רוהן אין זיינעם צימער וואס מען האט
ים אן גיוויזן אונ אונזר שלאף וואר אונז זייער אנגענעהם
ונ מיר האבן זיך זייער גפרייט דאס גאט ברוך הוא הט
ונז גיפירט אין אזוי אשטורים אין דאס הויז פון דיזן
קלוגן אונ פרומען מאן:

## ענדע דיא ערשטע נאכט